# וועד הכשרות

## ארגון מוקדש לתיקון מצב הכשרות

דהתאחדות הקהילות

בהשתתפות הרבנים והקהילות
ולומדי תורת דניו יארק

בפיקוח מוה״ר משה שטרן שליט״א
גאב״ד דקהל יסודי התורה
(מלפנים אב״ד דעבראצין)

לכבוד מע"כ הרב הגאון המפורסם וכו' שליט"א

דער צורקולאר ווערט ארויס געשיקט צו אייך די רבנים און ראשי קהלות פון די ניו יארקער געגענד.דערמיט גיבען מיר אייך א קורצע איבערבליק אין די גרונדלאגען פון אונזערע ארבעט.מיר האפען אז די ערקלערונג וועט פארמיידען די בלבול המוחות וועלכע הערשט אין דער אידישע גאס.

(א)מיר טוהן דא נאך אמאל באטאנען וואס מיר האבען שוין פיהל מאל ערקלערט אין די מדריכים און אויך אין בולעטינס.מיר האבען קיין שום שייכות,און טוהן זיך נישט אינדענטיפיצירען מיט כתבי פלסתר (פאסקווילען)וועלכע ווערן פארשפרייט אהן קיין שום נאמען.אפילו ווען עס איז געשריבען פאר די כלומר'שטע אינטרעס פון כשרות.די מודעות שטערן אונזער ארבעט.עס ברענגט קיין שום נוצען פאר דעם תכלית פון כשרות.זעלבס פארשטענדליך,אז מיר פארדאמען די אומפאראנטפארטליכקייט פון אזוינע שרייבערס.

נאר די באריכטען וועלכע זענען געדרוקט אין מדריכים אדער אויף די לעטערהעדס פון וועד,זענען אָטענטישע מודעות פון וועד הכשרות.

(ב)אונזער ארגאנאזאציע האט קיין שום פארטייאישע פארבונדען מיט קיין אנדערע ארגאנאזאציעס.עס איז א זעלבס שטענדיגע ארגאנאזאציע וועלכע איז באשטעטיגט, רעקאמענדירט,און געשטיצט דורך רבנים,און ארגאנאזאציעס איבער דעם גאנצען לאנד.

(ג)אונזער ארבעט איז א קאנקרעטע און קאנסטראקטיווע.מיר באווייזען,בעזר השם, מתקן צו זיין די פעלערן וועלכע געפונען זיך ביי פארשידענע עסענווארג,פאבריקען אדער ביי ערצייגערס.די מאכלים וועלכע האבען הכשרים ווערן אויך אונטערזוכט. אויב עס פארלאנגט זיך,ווערט געמאכט רעקאמענדאציעס פאר דעם צוועג פון כשרות. אלעס ווערט קודם שטילערהייט איבערגעגעבן פאר די באטרעפענדע.אויב מיט די צייט ווערן די תיקונים נישט אויסגעפירט,און מיר זעהן אז די רייד העלפען גארנישט, הערשט דאן ווערן די פאקטען (פעסטשטעלונגען)געדרוקט אין מדריך.עס איז אונז, בעזרתו יתברך,געלונגען אויפצוטוהן זייער אסאך אויף דעם געביט.

(ד)מיר מוזען דא קלאר אונטער שטרייכען אז כדי אנצוגייען מיט אונזער ארבעט מוזען מיר אן נעמען די פאלגענדע פרינציפ."קיין שום עסענווארג קען נישט ווערן באשטעטיגט אויף דעם סמך פון ערצייגער,אדער אויף דעם סמך פון רב המכשיר אדער די כשרות ארגאנאזאציע".יעדע פראדוקט מוז ריכטיג און גרונטליך אונטערזוכט. ווערן אהן קיין שום באציהונג אין אויפמערקזאמקייט ווער עס איז דער בעל המכשיר.

דאס איז נוגע אפילו פאר אן ערצייגער אדער בעל המכשיר וועלכע איז פאר יעדען באקאנט אלס א באגלייבטער.מיר וועלען דאס באגרינדען מיט די פאלגענדע טעמים:

(1)מיר קענען נישט,און מיר טארען נישט פארמעסטען,אויסוועלן,אדער באפורציגען איין בעל המכשיר אדער כשרות ארגאנאזאציע,איבער אן אנדערן.עס מוז געמאכט ווערן איין סטאנדארט פאר יעדען איינעם,משום לא פלוג.

(2)דער אמת מוז געזעגט ווערן,און מיר נעמען די פאראנטפארטליכקייט דערויף.ביי פארשידענע פראדוקטען וועלכע האבען דעם הכשר פון רבנים,וועלכע זענען אנערקענט אלץ אמת'ע גאונים און נאמנים,פון גרעסטען קאליבער,איז געווען א חלל אין די סיסטעים פון כשרות,צילוב טעמים וועלכע זענען אונז נישט באקאנט.עס האט זיך פארלאנגט פארשידענע תיקונים אויף די פראדוקטען.מיר זענען גרייט דאס מברר צו זיין ביי א ענגע מיטונג פון רבנים אדער ראשי קהלות וועלכע זענען אינטערעסירט צו הערען פרטים.(נישט אלעס קען מען דרוקען,ככוד אלקים הסתר דבר)דעריבער מוז געמאכט ווערען א גלייכען סטאנדארט פאר יעדען.